# סדר הנהגת בית הכנסת מכל המנהגים של בית הכנסת מכל השנה

Amsterdam, [5]519 [i.e. 1759]

Copy held at British Library, London

Shelf mark 1982.b.1(2)

YidNed 344

Transcription:
Ronny Reshef & Mirjam Gutschow
2023
Copied into text file:
2024

Version 2023
Transcribed using Transkribus
doc 1441962

סדר
הנהגת
בית הכנסת
מכל המנהגים של בית הכנסת
מכל השנה
והמה
מנהגי ותקוני
אשר גבלו ראשונים . מימים קדמונים .
ליסדם בעט ברזל ועופֿרת . שיהיה
לחק ולמשמרת
במצות
האלופֿים קצינים
פרנסים וגבאי צדקה יצ״ו
פה
אמשטרדם
בבית ובדפוס האחים
כהר״ר יוסף כהר״ר יעקב וכהר״ר אברהם
בני המנוח
כהר״ר שלמה פרופס כ״ך זצ״ל
בשנת תקי״ט לפ״ק

[1v]

**הקדמה**

**מאחר**
אלופים קצינים פרנסים וגבאי צדק
דקהלתינו יצ״ו . האבן גזעהן דען אום סדר
וועלכֿר זיך מידי יום ויום מתגבר והולך איז . תוך קהלתינו
יע״א . בפרט בבית הכנסת הקדושה . דש איינר זאגט
מן זאגט דש ניט . דער אנדרר זאגט מן זאגט עש יוא . וויא אויך
אבלים איבר דיא קדישים דישפוטיהרן .וואו דורך אופֿטרש
בלבול התפלה פֿר אורזאכֿט . אויך איינר דען אנדרן קדיש
בגזילה נעמט . זוא האבין האלופים פרנסים וג״צ יצ״ו
מחדש לאזן דרוקן . דיזוש ביכֿליין גנענט הנהגות בית הכנסת
דש איטלכֿר בעל בית זאל קענין איינש בייא זיך . אודר אין זיין שטאט
האבין. . אונ 'ניט בדארפֿן צו פֿראגין . זוא וואול איין גמיינר מן
אלש אויך איין למדן . וויא מיר זיך אלי צייט האבין נוהג גוועזן
אין אונזרי שולין . מיט אליש וואו נור איין פלפול אן איז . אודר וואש

איין מנהג מקדמונים איז כאן גוועזן . כדי אונזר מנהג ניט
זאל קענין פֿר ענדרט ווערין . הן ווישן צו זאגין . ווען מן למנצח .
אודר אל ארך אפים . אודר וואש פֿר הפטרה מן זאגט . אויך
אלי דינים מנהגים דורך עש גנצי יאר ווישן צו זאגין . דש אפלו
תנוקות של בית רבן זאלין ווישן וויא מן זיך אין דער שול זאל
נוהג זיין . אונ' קיינם בדארפֿן צו פֿראגין . פֿיל ווינגר צו דישפוטיהרן
דא איבר . וידבר שלום איש אל רעהו . ויקוים בנו
הכתוב ומלאה הארץ דעה . ושלום יהיה לנו ולכל
ישראל . אמן

[2r]

סדר הנהגת בית הכנסת כאשר נוהגים
פה קהלתינו ק״ק אמשטרדם יע״א

**(א)**
ווען מן תהילים זאגט פֿר אדון עולם אונ' פֿון מאן פֿירן

**בהשכמה**
בשחרית . היבט מן אלי מאלט תהילים אן חצי שעה
פֿר אדון עולם . ובר״ח ובימים שאין אומרים תחנון .
איז מן מנגן אדון עולם . אונ' זונשט אן דיא וואוכֿין זאגט מן אדון עולם
הויך ווען קיין בר מנן איז . חוץ שבת ויום טוב וחול המועד . איז מן
מנגן אדון עולם ווען שון ח״ו בר מנן ווער ה' יצילנו : ובאם איין התונה
איז מוז מן מאן פֿירן לאזן גשעהין קודם ברוך שאמר . אונ' דאש קלייני טירכֿי
פֿון ב״ה מוז אופֿן זיין . אונ' דער שמש מוז רופֿין אין שול צו מאן . ווען דיא
חתונה בבית הכנסת הגדולה איז :

**(ב)**
וויא מן פסוקי דזמרה אונ' הכל יודוך זאגט

**פסוקי**
דזמרה . ווערט הויך גזאגט . פסוק אום פסוק . ווען ב' חזנים
בבית הכנסת זיינן . מיום ראשון של חול המועד פסח . ביז
דען ערשטן טאג סליחות . אונ' הכל יודוך בגינט מן מנגן צו זיין הויך אם
שבת הגדול . ביז דען ערשטן טאג סליחות :

**(ג)**
לג בעומר והמשה עשר זאגט מן קיין תחנון

**חמשה**
עשר ולג בעומר . זאגט מן קיין תחניו בשחרית . אבר
במנחה דר פֿאר אונ' במנחה דר נאך . זאגט מן יוא תחנון .
זוא אך צדקתך במנחה בשבת :

**(ד)**
וויא מן זיך נוהג איז תענית צבור . אונ' איין קוואטרן מוז דש
קינד ברענגן פֿר שיר היחוד אין בית הכנסת

**אן**
תענית צבור זאגט מן אל ארך אפים . אונ' שומר ישראל . אונ'
יהי רצון . וועןׂ שון ניט מאנטאג אודר דאנרשטאג איז . אבר וועןׂ איין
ברית מילה ווער . זאגט מן צו מנחה שומר ישראל . וויילן מן עש צו מארגנש
ניט גזאגט האט : וועןׂ איין ברית מילה איז . מוז דיא קוואטרן מיט דעם
קינד דא זיין . זוא בלד אז שיר היחוד אויש איז . אודר ווערט אין גליגט
א' פֿונט וואקס קנס לצדקה :

**(ה)**
וואש צייט מן תהלים זאגט בבית הכנסת

**חול**
המועד של פסח . היבט מן תהילים אן אום הלבר זעקש . ביז

א ב 2 1
חול

[2v]

הנהגת בית הכנסת

חול המועד של סוכות . דען היבט מן תהילים אן אום זעקש אויער . אונ'
דאש בלייבט זוא לאנג . ביז מן אדון עולם אן היבן קאן וועןׂ טאג איז . אונ'
שבת ויום טוב היבט מן תהילים אן קודם ברוך שאמר . חוץ דאש השנה
ויום כיפור . והושענא רבה . היבט מן תהלים אן קודם אדון עולם . אונ'
וועןׂ מן קיין תחנון זאגט דען זאגט מן דען מזמור של יום . אבר ניט שיר
מזמור לאסף . חוץ פורים וט' באב במנחה זאגט מן יוא מזמור לאסף .
אונ' דיא זעלביגי וואוך אז יום ביפור אין גפֿאלט . זאגט מן דיא זעלביגי וואך
גאר קיין תהילים . אונ' קיין שיר היחיד . וויל מן עש יום כיפור צו אובֿנט
גאנץ אויש זאגט :

**(ו)**
וועןׂ איין אבל מאג למנצח זאגן אונ' וועןׂ מן קיין למנצח זאגט

**למנצח**
זאגט איין אבל וועג קיין יאר צייט בבית הכנסת איז : אפילו
בימים שאין אומרים תחנון . דהיינו בימי ניסן אונ' פֿון יום
כיפור ביז דאש חדש חשון שאין אומרים תחנון . ומראש חדש סיון
עד ערב יום טוב של שבועות . ולג בעומר . וחמשה עשר . מאג איין
אבל יוא למנצח זאגן : אבר פורים ושושן פורים . ושני ימים של פורים
קטן . וביום שיש חתונה בבית הכנסת . ואסרו חג של רגלים ושל יום
כיפור . וערב יום טוב של רגלים . דען זאגט מן קיין למנצח . זוא דארף איין
אבל אך ניט זאגן ובא לציון : ובערב ראש השנה זאגט מן יוא למנצח .
דארף עש איין אבל ניט זאגן . אונ' איין יאר צייט יוא . אונ' איין מוהל איז אלי
צייט דוחה אן איין יאר צייט ומכל שכן אבילים :

**(ז)**
וועז מן אל ארך אפים זאגט אודר ניט

**פורים**
ושושן פורים . ושני ימים של פורים קטן וערב פסה זאגט מן
ניט אל ארך אפים . אבר אן ט' באב וערב יום טוב ואסרו
חג . וערב ראש השנה . זגט מן יוא אל ארך אפים . ערב פסח וח״ה פסח
וע״יב זאגט מן קיין מזמור לתודה :

**(ח)**
וועז מן תפלת המנחה בגינט כל השנה

**תפלת**
המנחה בחול . היבט מן אלי מאלט אן . אז וויא מן פֿרייטג צו
נאכֿט האט אן גיהובן . חוץ אן זומר וועז מן פֿרייטג צו נאכֿט
אום זיבן אויער אן היבט . זוא היבט מן דאך אן דר וואוכֿין ניט שפעטיר אן
תפלת המנחה אלז אום האלבר זיבן . וכן בערב יום טוב היבט מן גם כן
תפלת המנחה אן כמו בערב שבת :

ט' וויא

[3r]



**(ט)**
וויא מן זיך נוהג איז מיט ויחל וועז מן גוזר תענית איז

**על**
כל צרה שלא תבא. וועז מן גוזר תענית איז . ביום שני וחמישי .

לייאנט מן ניט ויחל . רק דיא פרשה של אותו שבוע . ולמנחה
לייאנט מן ויחל . אבר וועןמן גוזר תענית איז . ניט ביום קריאת התורה .
לייאנט מן בשחרית ג״כ ויחל :

**(י)**
ווען מן מקבל שבת איז אונ' ליל שבת . מערבית זאגט

**ווען**
יום טוב גיפֿאלט אן ערב שבת איז מן דאך מקבל שבת . חוץ אן
ערב יום כיפור שחל להיות בערב שבת . איז מן ניט מקבל שבת .
גם זאגט מן מערבית . אפילו ברגל שחל להיות בשבת :

**(יא)**
וויא מן ערב שבת . חנוכה ליכֿט צינט בב״ה . גם מוצאי
שבת דיא מגילה לייאנט

**חנוכה**
אם ערב שבת . צינט דר חזן דיא חנוכה ליכֿט נאך אשרי .
קודם שמונה עשרה . אונ' מוצאי שבת . צינט דר חזן חנוכה
ליכֿט . קודם ויתן לך . אונ' איטלכֿר ב״ב בביתו . צינט אן קודם הבדלה :
וויא אויך ווען פורים אם זונטאג גפֿאלט . לייאנט מן מוצאי שבת ערשט דיא
מגילה . אי מן הבדלה מאכֿט . אונ' לאחר שמנה עשרה קודם מקרא
מגילה . זאגט מן קדיש שלם . אונ' לאחר קריאת המגילה וברכותיה .
זאגט מן ויהי נועם . ואתה קדוש . ויתן לך . ומברילין על הכוס :

**(יב)**
פסח שחל להיות בשבת

**ווען**
דער ערשטר טאג של פסח גיפֿאלט אן שבת . היבט דר חזן אן
ויבלו . אונ' זאגט קיין מגן אבות . אונ' מן מאכֿט קיין קידוש אין
שול דיא ערשטי נעכֿט של פסח :

**(יג)**
ווען מן קיין במה מדליקין זאגט

**יום**
טוב . או ערב יום טוב . דז אן ערב שבת גפֿאלט . זאגט מן קיין
במה מדליקין ניט . וכן שבת חול המועד . זאגט מן אך קיין במה
מדליקין :

**(יד)**
וויא מן ספירת עומר אין דר שול זאגט

**ספירת**
העומר . זאגט מן אן פֿרייטאג צו נאכֿט . אונ' אן יו"ט נאך
קידוש קודם עלינו . ווען עש בין השמשות איז . אונ' אם

א ג 1 3
מוצאי

[3v]

הנהגת בית הכנסת

מוצאי שבת . קודם הבדלה . אונ' ווען אחרון של פסח גפֿאלט אן מוצאי
שבת . זאגט מן דיא ספירה . קודם קידוש :

**(טו)**
ווען מן שבת בשחרית אן היבט בבית הכנסת

**שבת**
צו מארגנש . היבט מן אדון עולם אן צו זיבן אויער . וכן אם יום
טוב . דהיינו פֿון שבת פרשת שקלים אן . ביז שבת פרשת
נח . אונ' דען היבט מן אדון עולם אן אום הלבר אכֿט . ביז שבת פרשת
שקלים :

**(טז)**
ווען מן צווייא יוצרות צו זאגן האט וויא מן זיך נוהג איז

**ווען**
איין ברית מילה . אן שבת ראש חדש . אודר אן שבת חנוכה .
אודר שבת בראשית אודר שבת ח"ה של סוכות איז . זאגט מן
ניט מער אז דען אופן פֿון ברית מילה . אבר שבת ח"ה של פסח זאגט מן
גאר ניקש פֿון ברית מילה . אבר ווען איין ברית מילה . אן שבת נחמו . אודר
שבת שובה איז . זאגט מן ניט מער אלז דען זולת פֿון ברית מילה . אונ' מן
זאגט אלהיכם פֿון ברית מילה . אויך מיט דיא אנדרי אלהיכם : דיא אלהיכם
פֿון שבת שובה זאגט מן ניט :

**(יז)**
פרשת שקלים ור"ח . או פרשת החדש ור"ח .
שבת ר"ח וחנוכה

**וועך**
ראש חדש גפֿאלט אן פרשת שקלים אודר אן פרשת החודש . זאגט
מן ניט מער פֿון ראש חודש אלז דען אופן . אונ' וועך דען איין ברית
מילה אך ווער . זאגט מן דען אופן של ר״ח וזולת של ברית מילה . וכן
וועך ר״ח אם שבת חנוכה גפֿאלט . אונ' עש ווער איין ברית מילה אך . זאגט
מן יוצר של חנוכה . ואופן של ר״ח . וזולת של ברית מילה :

**(יח)**
דער שמש מוז דיא חיובים זאגן אן בעל סגן

**חיובים**
איז דר שמש מחויב אן צו זאגן . דען בעל סגן . ווער זיא זיין .
אויב דר בעל סגן . וויל איינם חולק כבוד זיין . אונ' איינם פֿון
דיא חיובים אין מספר אויף רופֿן פֿר שביעי . אזוא קאן דר בעל סגן איין
אנדרן במקומו אויף רופֿין נאך שביעי . כדי דז זיין מספר דאך פֿול קריגט .
אבר איין רעגירנדיר פרנס דער איין חיוב איז . מוז איהם דער בעל סגן
צום שלישי לאזן אויף רופֿין . אודר נאך דען אב״ד דקהלתינו . אונ' איין אלטר
פרנס דער ניט רעגירנד איז . שטיט ביד האלופים קצינים פרנסים יצ״ו .
וויא מן אים אויף רופֿן זאל . אונ' דער בעל סגן מוז צו פֿרידן זיין :

יום

[4r]



**(יט)**
יום טוב מאכֿט מן קיין חיובים

**אם**
יום טוב מאכֿט מן לגמרי קיין חיוב . אפילו ביום טוב שחל להיות
בשבת : אונ' אלי מתנת יד . אודר י״ב . דען איז דר אב״ד איין
חיונב . אונ' מוז אין מספר אויף גירופֿין ווערין . אונ' דארף קיינם מוסיף
זיין :

**(כ)**
איין יונגר דארף בשבת ניט עולה בתורה זיין אונ' אך
קיין הגבה נעמן

**איין**
חתן דער קיין חיוב איז . אונ' דר בעל סגן וויל אים אויף רופֿין .
דארף ער אים פֿאר קיין בעל בית אויף רופֿין . אם לא ער איז איין

כהן אודר איין לוי . זונשטן מוז ער צום לעצטן אויף גרופֿין ווערן . איין יונגר דארף אך ניט שבת צו מארגנש אויף גרופֿין ווערן אונטר דיא שבעה קרואים אפילו לשביעי ואחרון אך ניט . אם לא וועט ער איין חיוב איז . אך דארף איין יונגר קיין הגבה נעמין אם לא ער איז איין חיוב :

**(כא)**
דיא קדימה פֿון דיא חיובים

**ווען**
שני כהנים אודר שני לוים . גלייכֿי חיובים זיין . דהיינו בעלי יולדת . או חתנים . או סנדק . מוזן זיא גורל שפילן . אבר ווען זיא ניט גלייך זיין . דהיינו איינר ווער איין חתן . אונ' דר אנדרר בעל יולדת . או סנדק . זוא איז חתן ביום חופתו . אודר בשבת שקודם החופה . קודם לכל . ובחור שנושא בתולה . איז דוחה בחור שנושא אלמנה . נאך דעם חתן . האט דיא קדימה איין סנדק . נאך דעם סנדק . איז בר מצוה יונג . דר נאך איין יולדת . דר נאך איין חתן לאחר החופה . אונ' איין אלמן שהוא חתן . איז איין חיוב ביום חופתו . ובשבת שלאחר החופה . אבר שבת קודם החופה איז ער קיין חיוב . אונ' מן זינגט אך קיין כי אל שומרנו זיינט וועגן . אל נעמט ער איין בתולה :

**(כב)**
איין חיוב דער נדחה ווערט

**דר**
זעלביגר חיוב דער נדחה ווערט . האט דיא ברירה . מאג זיך דען זעלביגן שבת צו מנחה פֿר איין חיוב אן זאגן . אודר ווארטן ביז דען אנדרן שבת . ובאם דען אנדרן שבת איין חיוב אויף נייא קומט. האט דער נייאר חיוב דיא קדימה . דהואיל דאדחי אדחי . אונ' איין בר מצוה יונג דער נדחה ווערט . פֿר איין חתן . או סנדק . מאג ער זיין פרשה דאך לייאנן . אונ' קאן איין חיוב זיין צו מנחה . אונ' דיא חיובים דיא עולה

לתורה

[4v]

הנהגת בית הכנסת

לתורה זיין . דיא ספרים אין דר שול האבן . מוזן גורל ווערפֿן וועלכֿש ספר דען זעלביגן שבת מוז גלייאנט ווערן :

**(כג)**
הפטרה דיא קיין יונג זאגן דארף

**איין**
יונגר דארף קיין הפטרה זאגן . פֿון שבעה עשר בתמוז אן . ביז
נאך שבת בראשית . וכן אן ג' רגלים . וכן ארבע פרשיות והפטרת
יתרו . ושבת חול המועד . דארף אליש קיין יונגר זאגן . דהיינו איין יונגר דער
ניט בר מצוה איז . אבר איין יונגר דער בר מצוה איז מאג אלי הפטרות
זאגן . חוץ מימים נוראים דארף קיין פנוי ניט זאגן כפי תיקון הקהילה :

**(כד)**
דיא הפטרה דיא מן זאגט ווען צוויא סדרות ביחד גיאן

**ווען**
צווייא סדרות ביחד גיאן . זאגט מן אלי צייט דיא הפטרה פֿון דיא
אנדרי סדרה . אפילו ווען אחרי מות וקדושים ביחד גיאן . זאגט
מן דאך דיא הפטרה . הלא כבני כושים . אונ' ווען נצבים וילך ביחד גיאן .
זאגט מן דיא הפטרה שוש אשיש . אונ' ווען ר״ח אם שבת גפֿאלט . אפילו
ר״ח אלול זאגט מן דיא הפטרה פֿון שבת ר״ח . חוץ ווען ראש חודש אלול
אם זונטאג גפֿאלט . זאגט מן ניט דיא הפטרה פֿון מחר חודש . רק דיא
הפטרה פֿון דען זעלביגן סדרה :

**(כה)**
הפטרה של שבת חנוכה ור״ח . אונ' ווען מן קדיש
על ס״ת זאגט בחנוכה . ור״ח בחול

**ווען**
ר״ח אם שבת חנוכה גפֿאלט . זאגט מן דיא הפטרה פֿון שבת
חנוכה גאנץ אויש . אונ' דר נאך היבט מן אן הינטן אין דר הפטרה
פֿון ר״ח דיא צווייא פסוקים . והיה מדי חדש בחדשו וגו' . אונ' ויצאו וראו
וגו' . אונ' ווידר והיה מדי חדש בחדשו . אונ' ווען ר״ח בחול איז אן הנוכה
אדר ח״ה פסח לייאנט מןביידי ספרים . אונ' דר נאך זאגט מן קדיש . אונ'
דען אז מן קדיש זאגט . בדארף מן דש אנדרה ספר ניס דר בייא צו ליגן
על השלחן :

**(כו)**
הפטרה של פרשת שקלים ור״ח . ופרשת
החודש ור״ח

**ווען**
ראש חודש אן פרשת שקלים אודר אן פרשת החודש גפֿאלט .

זאגט מן ניט דיא הפטרה פֿון שבת ר״ח . דען דיא הפטרה פֿון דיא
ארבע פרשיות קאן ניט נדחה ווערן :

הפטרת

[5r]



**(כז)**
הפטרת פרשת ויצא אונ' וישלה

**דיא**
הפטרה פֿון פרשת ויצא . היבט זיך אן . ועמי תלואים למשובתי .
אונ' מן זאגט ויברח יעקב דר צו . אונ לאזט אויש בארץ תלאובות .
אונ' דיא הפטרה פֿון וישלח היבט אן חזון עובדיה ביז גאנץ אויש :

**(כח)**
הפטרה של שבת הגדול

**ווען**
ערב פסח אן שבת הגדול גפֿאלט זאגט מן דיא הפטרה וערבה
לה' מנחת יהודה . אונ' ווען ניט שבת הגדול ערב פסח איז .
זאגט מן דיא הפטרה פֿון דיא סדרה :

**(כט)**
הפטרת ט' באב גם תהילם במנחה

**דיא**
הפטרה פֿון תשעה באב בשחרית זאגט מן זונדר נגון . אם
תשעה באב צו מנחה זאגט מן אום זעקש אויער תהילים אונ' שיר
היהור אונ' ליגט טלית אונ' תפילין אונ' מן לייאנט ויחל אונ דר נאך תפלת
המנחה אונ' זעצט אין נחם אונ' עננו . אונ' אז נאכֿט איז . איז מן דיא לבנה
מקדש :

**(ל)**
הפטרה של שבת ח״ה סוכות ופסח

**דער**
דיא הפטרה פֿון שבת ח״ה של סוכות זאגט . מוז דר מפטיר
אויש לאזן דיא ברכה מקדש השבת וישראל והזמנים . אבר אם
שבת ח״ה של פסח . לאזט ער אויש מקדש השבת :

**(לא)**
על הכל זינגן אונ' חיוב ארץ ישראל מנדר זיין

**אן**
מתנת יד . זינגט מן על הכל וגם שמחת תורה : אונ' דר עולה
לתורה איז . אן מתנת יד . מוז מנדר זיין לארץ ישראל . ווייל מן
זאגט בעבור שיתנו מתנת יד . אונ' נאך יום טוב . ווערט איין ארץ ישראל
ביקס אויף גשטעלט . וואורין אידר איינר מחויב איז איין צו ווארפֿן : אונ' אלי
רגל וארבע פרשיות ושבת הגדול זינגט מן אל נא . בהאלבן דיא הינטרשטי
טעג פֿון פסח :

**(לב)**
דיא גוטי פרשיות דיא פֿר קויפֿט מוזן ווערן

**דז**
זיינן דיא גוטי פרשיות דיא מן פֿר קויפֿט . אין תולדות ויתן לך .
אין ויחי דמלאך הגואל . אונ' לישועתך קויתי . אין בשלח ויסע ויבא
ויט . אונ' דיא שירה . אין יתרו דיא עשרת הדברות . אין נשא ברכת
כהנים . אין ואתחנן דיא עשרת הדברות :

**צו**

[5v]

הנהגת בית הכנסת

**(לג)**
צו נעילה וועז מן קדיש זאגט אחר התפלה

**יום**
כפור צו נעילה . זאגט מן קדיש נאך אבינו מלכנו . אונ' נאך דעם
קדיש זאגט מן שמע ישראל . אונ' ה' הוא האלהים . ותוקעין
תקיעה אחת . ואומרים והוא רחום בניגון של חול . ומבדילין על הכוס .
ועל הנר . ואם הוא במוצאי שבת . מבדילין גם על הבשמים . ומקדשים
הלבנה :

**(לד)**
אליש וואש אין שול אויש גרופֿן מוז ווערן

**דיא**
ערשטי נאכֿט פֿון ראש חודש . רופֿט מן אויש יעלה ויבא . אונ'
דיא אנדרי נאכֿט פֿון ר"ח רופֿט מן ראש חודש : דיא ארבע

תקופות רופֿט מן אויש וואש צייט זיא גפֿאלן : פורים אונ' חנוכה רופֿט מן
אויש על הניסים : מוסף שמיני עצרת רופֿט מן אויש משיב הרוח ומוריד
הגשם . מוסף יום ראשון של פסח רופֿט מן מכלכל חיים ב סד :
דיא ערשטי נאכֿט פֿון דר שאלה צו מעריב רופֿט מן אויש ותן טל וממר :
ערב פסה בשחרית רופֿט מן אויש ווען מן אויף הערט חמץ צו עסן : ערב
י״ב וערב תשעה באב בשחרית . רופֿט מן אויש וואש צייט מן זאל מפסיק
זיין : תשעה באב שחל להיות בשבת . רופֿט מן אויש דבר שבצנעה
נוהג : דיא ערשטי נאכֿט ראש השנה רופֿט מן אויש וואש צייט מן דיא
השכמה אן היבן זאל . וכן דען אובנט פֿר הושענא רבה . וכן פֿר פורים .
אונ' פֿר תשעה באב . חוץ יום כפור רופֿט מן קיין השכמה אויש . רק
מתחילין בשיעלה עמוד השחר : אך רופֿט מן אויש עירוב תבשילין : איין
טאג פֿר ערב ר״ח בשחרית . רופֿט מן אויש . דז מן במנחה ניט פֿר געסן
זאל מקבל תענית צו זיין . אונ' ערב ר״ח בשחרית . רופֿט מן אויש . וואש צייט
מן י״ב קטן ווערט אן היבן :

**(לה)**
אלי מאל ווען מן קיין צדקתך זאגט . אויך ווען מן ניט ביז
נאכֿט פֿאשט

**ערב**
ראש השנה וכן ערב ר״ח . פֿאשט מן ניט ביז נאכֿט . ווייל קיין
תענית צבור איז : שבת שובה . וכן תשעה באב שחל להיות
בשבת . זאגט מן קיין צדקתך . וכן אלי טעג דז מן אן דיא וואוכֿין צו מנחה
קיין תחנון זאגט . ווען זוא איין טאג אן שבת גפֿאלט זוא זאגט מן שבת צו
מנחה קיין צדקתך :

**(לו)**
קיין יונג דארף ימים נוראים עולה בתורה זיין אונ' קיין
מצוה האבן

ימים

[6r]

הנהגת בית הכנסת ו

**ימים**
נוראים . דהיינו י״ב . ראש השנה . ושבת שובה . דארף קיין
יונגר ניט עולה לתורה זיין אם לא איין חתן קודם החתונה .
אונ' אן שבת שובה . איז איין חיוב . בר מצוה יונג בזמנו . אונ' איין יונג
דער איין סנדק איז . אך דארף ראש השנה . וי״כ . ושבת שובה . קיין

יונג קיין מצוה נעמן . אפילו עץ חיים . וערב י״ב שחל להיות בערב שבת . זאגט מן אין סליחות . קיין אל רחום שמך . ווייל מן עש בערבית זאגן ווערט צו כל נדרי . אבר אבינו מלכינו זאגט מן יוא בשחרית . ווייל מן עש בערבית ניט זאגט :

**(לז)**

שבת צו מנחה וויא מן אן חיבט בב״ה

**שבת**

צו מנחה . היבט מן אלי מאל איין שעה פֿריאר אן צו אורין . אלז מן מנחה אין דיא וואוכֿין אן היבט . חוץ ווען מן שבת מאכֿט אום האלבר זיבן . אודר אום זיבן אויער . היבט מן דאך שבת צו מנחה אן מתפלל צו זיין . אום פֿינף אויער . וכן אם ווינטר . ווען מן מנחה אין דיא וואוכֿין אן היבט אום הלבר פֿיר . היבט מן דאך שבת צו מנחה אן צו דרייא אויער : אונ' ווען איין דרשה ווער צו מנחה אם שבת . איז מן דאך מתפלל מנחה אויף זיין גיזעצטי צייט . אונ' מן דרשת קודם זמן מנחה :

**(לח)**

שיר המעלות ופרקים ווען מן אן היבט צו זאגן

**ברכי**

נפשי ושיר המעלות . היבט מן אן צו זאגן אם שבת בראשית . ביז שבת הגדול . אונ' דען הערט מן אויף . אונ' מן זאגט קיין קדיש ניט נאך ברכי נפשי . אונ' דיא פרקים היבט מן אן שבת נאך פפח . אונ' מן זאגט אלי שבת איין פרק ביז ר״ח אלול . אונ' מן זאגט קדיש יתום דרויף . אונ' ערב תשעה באב . ותשעה באב שחל להיות בשבת . וכן חג השבועות בשבת זאגט מן קיין פרקים ניט :

**(לט)**

אבילים וויא זיך אויף דיא ראל שטעלן

**וועגן**

קדישים בבית הכנסת . זיינן מיר זיך אזוא נוהג . איטלכֿר אבל דר חזקת הקהילה האט . וכן מלמד . אודר איין משרת . בייא איין בעל הבית . האט אך דען דין פֿון בעל בית . מוזן זיך אלי אויף דיא ראל שרייבן כנהוג . דהיינו איטלכֿר אין זיין שול . וואו ער אין גיט . אודר זיין פֿאטר אין גגאנגן איז . אבר קדיש וברבו . ולמנצח . זאגט קיין מלמד . אודר משרת . ואורח ותושב . דער ניט חזקת הקהילה האט :

**(מ)**

אבל בתוך השבעה אונ' לויפֿנדי שבעה אונ' יאר צייטן

**איין**
אבל בתוך השבעה . האט אלי דיא קדישים אין זיין שול . אונ' איז

אלי

[6v]

הנהגת בית הכנסת

אלי אבילים דוחה . אפילו יאר צייטן . דיא אין דר זעלביגן שול גיאן . אבר
איין לויפֿנדי שבעה . איז דוחה אלי אבילים אבר קיין יאר צייטן . מוז אן איין
איטלכֿר יאר צייט איין קדיש צו לאזן . חוץ קדיש וברכו . ולמנצח . גבירן
דען יאר צייט או אבל . איין שבעה איז דוחה דען לויפֿנדי שבעה . רק קדיש
אחד מוז ער דען זעלביגן שבת אן דען לופֿנדי שבעה צו לאזן . וכן פורים.
ותשעה באב . אז דען מאג דר אבל שולן גין . איז דער דין אך אזוא :

**(מא)**
אבל דעם זיין שבעה אויש זיין

**איין**
אבל . דעם זיין שבעה אויש זיינן . האט דז ערשטי מאל אלי
קדישים . דהיינו פֿון איטלכֿן איינם . איין קדיש יתום . אונ' קדיש
וברכו . אונ' למנצה קאן אבר דיא יאר צייטן ניט דוחה זיין . רק דיא יאר
צייטן גיאן פֿאר . אבר ער פֿר לירט דאך זיין קדישים ניט כנ"ל . אונ' ווייטר
מוז דיא ראל גפֿאלגט ווערן :

**(מב)**
יאר צייטן מוזן גורל ווארפֿן ודין של אורח יאר צייט

**יאר**
צייטן . מוזן ווערפֿן גורל אום קדיש . חוץ אב"ד . זאגט דען
ערשטן קדיש זונדר גורל . אבר אום קדיש וברכו . או למנצח
מוז אב"ד ג"כ שפילן גורל : איין מלמד . אודר משרת . אורח . ותושב .
דר אין דיא זעלביגי שול גיט . שפילט אויך מיט אום קדיש יתום . אונ' מן
גיבט אים איין קדיש . ווען איבר שיסט . זונשטן מוז גין אין דיא אנדרי שולן
קדיש זאגין . אונ' דיא בעלי בתים . בדארפֿן ניט צו רעכֿנין . קדיש וברכו .
ולמנצח . כדי דז איבר שיסן זאל . רק הנזכר ווערט גמיינט קדיש יתום :
אונ' איין מוהל זאגט למנצח ובא לציון איז רוחה אלי אבילים . אפילו
יאר צייטן :

**(מג)**
ווען מער יאר צייטן אז קדישים זיינן

**ווען**
זוא פֿיל יאר צייטן זיין . דז ניט אידר איין קדיש יתום קריגן קאן
זוא ווערט קדיש וברבו אונ' למנצח . אך אידרי פֿר איין קדיש
גרעכֿנט אונ' מוז על פי הגורל גזאגט ווערן . ובאם דאך מער יאר צייטן
ווערן . דש אפילו קדיש וברכו ולמנצח . אויף אידר איינם קיין קדיש קאן
קומן . אזו מוזן דיא זעלביגי דיא פֿר שפילט האבן . אין דיא אנדרי שולין גין איין
קדיש זאגן אונ' דאש מוז זיא צו גלאזן ווערן . וכן להיפך ווען זעלכֿש אין אנדרי
שולין גבירט . מאגן זיא בבה״כ הגדולה גם כן קומן . אונ' דיא יאר צייטן אין
דיא זעלביגי שול מוזן מיט דיא יאר צייטן שפילן :

מר איין

[7r]



**(מד)**
אבל בתוך שבעה ואבל משמועה קרובה אונ'
לויפֿנדי שבעה

**איין**
אבל אין דר שבעה . אונ' אבל אין דר שבעה משמועה קרובה .
וועלכֿי שוין ז' ימים משמת המת פֿר בייא זיין . זוא האט דר אבל
משמועה קרובה . ניט מער אז איין קדיש . אונ' דיא אנדרי קדישים . גבירן
אלי דען רעכֿטן אבל שבעה . אבר ער איז דאך דוחה אלי אבילים . אונ' אן
איין יאר צייט מוז ער איין קדיש צו לאזן . ומכל שכן אן איין לופֿנדי שבעה
ובאם זוא פֿיל יאר צייטן זיין זעלטן . דז קיין קדיש פֿר דעם אבל משמועה
קרובה איבר בלייבט . זוא גבירט אים איין קדיש קודם אלי יאר צייטן .
והשאר קדישים זאגן . יאר צייטן על פי הגודל . אבר ווען דער אבל משמועה
קרובה איז . איער נאך דיא ז' ימים משמת המת אויש זיין . איז ער גלייך
איין רעכֿטר אבל תוך ז' . אונ' האט אלי קדישים . אונ' וועם זיין ז' אם
שבת אויש זיין . דער זאגט קדיש פֿרייטג צו נכֿט . אונ' שבת צו מארגן
תהילים קדיש . אונ' ווען קיין יאר צייטן זיין . האט ער אלי קדישים . אבר
ווען יאר צייטן זיין . מוז ער דיא אנדרי קדישים אן דיא יאר צייטן צו לאזן .
אונ' קדיש אויף פרקים זאגט ער ניט צו מנחה וויילן זיין שבעה אויש
זיין :

**(מה)**
יאר צייט דער נדחה ווערט מפני שבעה

**וועו**

איין יאר צייט זעלט אן שבת זיין . אונ' נדחה ווערן מפני שבעה .
אזוא גבירט דען זעלביגן יאר צייט קדיש עלינו אן מוצאי שבת .
ובאם דען זעלביגן מוצאי שבת . ג״ב יאר צייט זיין . וועו דא גנוגן קדישים
זיין פֿר דיא יאר צייטן . בלאו קדיש יתום של מוצאי שבת . איז דר יאר צייט
מן שבת . קודם . ובאם איטלכֿר יאר צייט . ניט איין קדיש קריגן קאן . בלא
הקדיש פֿון מוצאי שבת . זוא קריגט דר יאר צייט פֿון שבת קיין קדיש .
דהואיל דאדחי אדחי אונ' קדיש וברכו ולמנצח . ווערט ניט גרעכֿנט :

**(מו)**

יאר צייט דער דז אובֿנט ניט אין גורל גוועזן איז

**איין**

יאר צייט . דער צו אובֿנט ניט שולין גוועזן איז . מכח אונס . אודר
ניט כאן בעיר גוועזן אונ' ניט מיט אין גורל גוועזן . אונ' קומט דעם
אנדרן מארגן שולן . מוזן אלי יאר צייטן מחדש גורל מיט אים ווארפֿן . אונ' איר
ערשטר גורל איז ניקש . חוץ דער שון קדיש גזאגט האט : דיזש איזט גמיינט
איינם דר חזקת הקהלה האט :

**(מז)**

אבל בעל הבית בקהילתינו שדר חוץ לקהילתינו

ב א 1 2

מן איין

[7v]

הנהגת בית הכנסת

**איין**

אבל דער בעל הבית בקהלתינו איז . אונ' וואונט חוץ לקהלתינו . אונ'
קומט לכאן . אזוא האלט דיא ראל פֿון דיא קדישים אן אים . אונ'
מאג זאגן פֿון איטלכֿן קדיש איין . אבר קאן קיין יאר צייט דוחה זיין . מכל שכן
קיין שבעה . ובאם ער קדישים כנ״ל גזאגט העט . אונ' לענגר כאן בקהלתינו
זעלט בלייבן . אודר ציהט אוועק אונ' קומט בקרב ימים ווידר . קאן ער קיין
קדיש ניט זאגן . ביז דיא ראל של אבילים ווידר אן אים האלט . וכן קדישן
וברכו . אונ' למנצח . אך אזוא :

**(מח)**

אורח דער יאר צייט האט

**איין**

אורח . דער יאר צייט האט . גבירט איין קדיש כנזכר לעיל .
דהיינו אין דר זעלביגי שול וואו ער איין מקום מיוחד האט . זונשטן
מוז אין דיא דריטי שול קדיש זאגן . ובאם אין הב״הכ השלישי זוא פֿיל יאר
צייטן ווערן . דז דר אורח ניט זאגן קענט . מוז מן אים אין דר צווייאטי שול
קדיש צו לאזן . וכן וועןׄ ער אין דיא צווייאטי שול זיצט אונ' האט ניט קענן קדיש
זאגן . מוז מן אים אין דיא דריטי שול או גרושה שול לאזן זאגן : דער קדיש
דרבנן זאגן וויל מוז לכל הפחות רוב המנין זיין . דיא צו הערין דען שיעור
לערנן זונשטן איז ער מוציא שם שמים לבטלה ח״ו :

**(מט)**

אבל אורח גבירט איין קדיש

**איין**

.אורח דר איין אבל איז . האט אלי שלשים יום איין קדיש יתום
אין איטלכֿה שול פֿון דיא דרייא שולן . רק קיין יאר צייט קאן ער ניט
דוחה זיין . איין אורח אין דיא שבעה . האט אלי קדישים . אונ' איז דוחה
יאר צייטן . ומכל שכן אבילים . וועןׄ ער איין מקום בב״הכ האט . זונשטן
מוז בב״הכ אחרת גיאן קדיש זאגן . אבר וועןׄ בעל בית ג״ב אבל תוך שבעה
ווער . האט דער אורח שבעה ניט מער אלז איין קדיש :

**(נ)**

יום טוב דער דיא שבעה איבר זיך נעמט

**יום**

טוב דער דיא שבעה איבר זיך נעמט . האט דער אבל תוך שבעה
ימים דען ערשטן טאג אז ער שולן קומט אלי קדישים כדין שבעה .
אונ' דיא אנדרי טעג י״ט בתוך שבעה ימים . האט ער דען דין פֿון איין
לאפֿינדי שבעה . אונ' וועןׄ דען איין אונן אך ווער שולן . איז ער מיט דען שבעה
דען ערשטן טאג גלייך אין קדישים . אבר דיא אנדרי טעג פֿון דען שבעה .
האט דער אונן אלי קדישים . רק קדיש אחד מוז ער דען שבעה צו לאזן .
איין מת דז נקבר ווארט בתוך המועד דז שבעה האלטן מוז נאך י״ט . האט
דער אבל דען ערשטן טאג בתוך המועד אלי קדישים . אונ' דיא אנדרי טעג
גלייך דען לאפֿינדי שבעה אונ' וועןׄ ער שבת נאך י״ט בתוך שבעה שלו

שולן

[8r]



שולן קומט ווען דיא רעכֿטי שבעה ימים נאך ניט אויש זיין . האט ער דען
זעלבגן שבת דען דין פֿון איין לויפֿנדי שבעה . ווען אבר דיא שבעה ימים
אויש זיין האט ער נאר איין קדיש דען זעלבגן שבת :

**(נא)**
דער איין יתום מגדל איז אויב קדיש מאג זאנגן

**איינר**
דער נפטר ווערט בלא בן זכר . אונ' האט איין יתום בתוך
ביתו מגדל גוועזן . אודר האט איין עניקלי דעם ער גשטעלט
האט קדיש נאך איהם צו זאגן . זוא מוז מן דיא זעלביגן קדיש אין דר דריטי
שול צו לאזן . דהיינו ווען איין אנדר אבל צווייא קדישים זאגט . גבירט אינן
איין קדיש :

**(נב)**
מי שמתו מוטל לפניו

**מי**
שמתו מוטל לפניו . בשבת ויום טוב . האט דען דין פֿון אלי
קדישים גלייך איין שבעה . אונ' ווען איין אבל בתוך שבעה איז
זוא איז מיט איהם גלייך . אבר אין דיא וואוכֿין . דארף קיין אונן קדיש זאגן .
אפילו איין קטן אויך ניט :

**(ג״ן)**
דער אויף הערט קדיש צו זאגן

**איינר**
דער אויף הערט קדיש צו זאגן . דער האט אלי קדישים . אונ'
איז דוחה אלי אבילים . חוץ יאר צייט ומכל שכן שבעה קאן
ער ניט דוחה זיין : ה' ישמרנו ויאריך ימינו עד ביאת . גואלנו אמן :

**(עד״ן)**
איין ברית מילה דז ניט אין שול גיודשט ווערט

**ווען**
איין ברית מילה איז . אונ' דז קינד קענט ניט גיודשט ווערן אין
דיא שול . מחמת אונם . אונ' קוואטר אונ' מוהל . אונ' בעל ברית .
זיינן אין דר שול . אזו זאגט דער קוואטר . אונ' מוהל . וכרות כנהוג . אונ'

מן זאגט קיין תחנון . אונ' דר קוואטר איז איין חיוב . אונ' דז מילה פרוכת מוז הענגן . אונ' דיא ברית מילה קערץ מוז ברענין . אונ' זוא באלד אז מן אשרי ובא לציון אן היבט . גיט דר קוואטר אונ' מוהל . מיט דיא זעלביגי לייט בבית שנימול הילד ושם יקיימו את הברית.
בשמחה ובלבב טוב :

**סליק סליק סליק**

ב ב 2 2
א ווען

[8v]

סימנים

**א**

ווען מן תהילים זאגט פֿר אדון עולם . אונ' פֿון מאן פירן

**ב**

וויא מן פסוקי דזמרה אונ' הכל יודוך זאגט

**ג**

לג בעומר וחמשה עשר זאגט מן קיין תחנון

**ד**

וויא מן זיך נוהג איז תענית צבור . אונ' איין קוואטרן
מוז דש קינד ברענגן פֿר שיר היחוד אין ביתֿ הכנסתֿ

**ה**

וואש צייט מן תהלים זאגט בביתֿ הכנסתֿ

**ו**

ווען איין אבל מאג למנצח זאגן אונ' ווען מן קיין למנצח זאגט

**ז**

ווען מן אל ארך אפים זאגט אודר ניט

**ח**

ווען מן תפלת המנחה בגינט כל השנה

**ט**

וויא מן זיך נוהג איז מיט ויחל ווען מן גוזר תענית איז

**י**

ווען מן מקבל שבת איז אונ' ליל שבתֿ מערבית זאגט

**יא**

וויא מן ערב שבת חנוכה . ליכט צינט בב״הכ . גם מוצאי
שבת דיא מגילה לייאנט

**יב**

פסה שחל להיות בשבת

**יג**

ווען מן קיין במה מדליקין זאגט

**יד**

וויא מן ספירת עומר אין דר שול זאגט

**טו**

ווען מן שבת בשחריתֿ אן היבט בביתֿ הכנסתֿ

**טז**

ווען מן צווייא יוצרות צו זאגן האט וויא מן זיך נוהג איז

**יז**

פרשת שקלים ור״ח . או פרשת החדש ור״ח . שבת
ר״ח וחנוכה

**יח**

דער שמש מוז דיא חיובים זאגן אן בעל סגן

**יט**

יום טוב מאכֿט מן קיין חיובים

כ איין

[9r]

סימנים ט

**ך**

איין יונגר דארף בשבתֿ ניט עולה בתורה זיין אונ' אך קיין
הגבה נעמן

**כא**

דיא קדימה פֿון דיא חיובים

**כב**

איין חיוב דער נדחה ווערט

**כג**

הפטרה דיא קיין יונג זאגן דארף

**כד**

דיא הפטרה דיא מן זאגט ווען צווייא סדרות ביחד גיאן

**כה**

הפטרה של שבת חנוכה ור״ח . אונ' ווען מן קדיש
על ס״ת זאגט בחנוכה ור״ח בחול

**כו**

הפטרה של פרשת שקלים ור״ח . ופרשת החודש
ור״ח

**כז**

הפטרת פרשתֿ ויצא אונ' וישלח

**כח**

הפטרה של שבת הגדול

**כט**

הפטרת ט' באב גם תהילים במנחה

**ל**

הפטרה של שבת ח״ה סוכות ופסח

**לא**

על הכל זינגן אונ' חיוב ארץ ישראל מנדר זיין

**לב**

דיא גוטי פרשיות דיא פר קויפט מוזן ווערן

**לג**

צו נעילה ווען מן קדיש זאגט אחר התפֿלה

**לד**

אלש וואש מן אין שול אויש רופן מוז

**לה**

אלי מאל ווען מן קיין צדקתך זאגט אויך ווען מן ניט ביז
נאכט פאשט

**לו**

קיין יונג דארף ימים נוראים עולה בתורה זיין אונ'
קיין מצוה האבן

לז שבת

[9v]

סימנים

**לז**

שבת צו מנחה וויא מן אן היבט בב"ה

**לח**

שיר המעלות ופרקים ווען מן אן היבט צו זאגן

**לט**

אבילים וויא זיך אויף דיא ראל שטעלן

**מ**

אבל בתוך השבעה אונ' לויפנדי שבעה אונ' יאר צייטן

**מא**

אבל דעם זיין שבעה אויש זיין

**מב**

יאר צייטן מוזן גורל ווארפן ודין של אורח יאר צייט

**מג**

ווען מער יאר צייטן אז קדישים זיינן

**מד**

אבל בתוך שבעה ואבל משמועה קרובה אונ'
לויפנדי שבעה

**מה**

יאר צייט דער נדחה ווערט מפני שבעה

מו

יאר צייט דער דז אובנט ניט איין גורל גוועזן איז

**מז**

אבל בעל הבית בקהילתינו שדר חוץ לקהילתינו

**מח**

אורח דער יאר צייט האט

**מט**

אבל אורה גבירט איין קדיש

**נ**

יום טוב דער דיא שבעה איבר זיך נעמט

**נא**

דער איין יתום מגדל איז אויב קדיש מאג זאגן

**נב**

מי שמתו מוטל לפניו

**ג״ך**

דער אויף הערט קדיש צו זאגן

**עד״ך**

איין ברית מילה דז ניט אין שול גיודשט ווערט

[10r]

הנהגה ווען איינר זעלט על פי אונס שפעט
שולן קומן

**אחר**

ברוך שאמר . אונ' ער העט דען ניט צייט ווען ער זעלט ועלן
מתפלל זיין מן אדון עולם . מיט קהל גלייך קריאת שמע
ושמנה עשרה מתפלל צו זיין . אזו זאל מאן ערשטליך טלית והפילין ליגן .
אונ תכף ברוך שאמר אן היבן . אונ' וועןדער חזן שונט ווייטר הלט . אז ער
דאך ניט קענט דער גרייכֿן מיט קהל קריאת שמע ושמונה עשרה מתפלל
צו זיין אזו זאל ער זאגן מן ברוך שאמר עד ולא יעיר כל המתו קודם
מזמור לתודה . אונ' זאל אן פֿאנגן ה' הושיעה המלך יעננו ביום קראנו .
אשרי יושבי ביתך וכו' . אונ' ווען איינר נאך שפעטר שולן קעם אזו זאל ער
נאר בגינין ברוך שאמר עד מלך מהולל בהושבחות . אונ' אשרי יושבי
ביתך . אונ' הללויה הללו את ה' מן השמים אונ' הללו אל בקדשו וכו' .
אונ' ווען איינר נאך שפעטר קעם אז ער מיט דעם אך קיין צייט העט אום מיט
דעם חזן גלייך מתפלל צו זיין קריאת שמע ושמנה עשרה . זאל ער נאר

זאגן ברוך שאמר עד בתשבחות . אונ' הללו אל בקדשו . וישתבח וכו' .
קעם ער אבר שולן אז דער חזן שונט ישתבח או ברכו . או יוצר אור זאגט .
אזו זאל ער ניט ישתבח זאגן . נייארט תכף מיט קהל אן פֿאנגן יוצר
אור . עד גמירא . דען ישבח איז איין סוף ברכה מן פסוקי דזמרה . אונ'
וועז דער חזן הויך שמונה עשרה זאגט . זאל ער ניט פֿון פֿארנן בגינן
מפלל צו זיין . נייארט זאל ערשט אמן זאגן אויף ברכות שמונה עשרה .
אנ' וועז ער דען מיט קהל ווייטר מתפלל אויש האט גוועזין עד אחר עלינו .
דען זאל ער בגינן מתפלל צו זיין . מן אדון עולם . עד ישתבח . חוץ
ברוך שאמר זאל ער אזו וואול ניט זאגן אז ישהבח אך ניט . דער כלל איז .
דז עש איין גרושה מצוה איז מיט קהל מתפלל צו זיין . קריאת שמע
שמנה עשרה . אז וויא אך איין מצוה מן המובחר איז . ניט צו רידן .
בשעת התפלה וקדיש וברכו ומגן אבות :

